דבר מלכות וואכנשריפט

ב"ה ימות המשיח. עש"ק פר' במדבר, כ"ח אייר
ה'תשס"ו – הי' תהא שנת סגולות ונפלאות

# אַ מנוחה אין וועלט

לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת במדבר ה'תנש"א

**מנוחה טעג**

אין יאָר תנש"א – אין איר האָט דער רבי געזאָגט די שיחה – איז אויסגעפאַלן דער יום טוב שבועות אויף דעם מאָרגן פון שבת במדבר. מיר קענען זען דעם ספעציעלן פאַרבונד צווישן שבועות און שבת, ווײַל די תורה איז געגעבן געוואָרן אום שבת.

יעדער זאַך אין תורה איז פּינקטלעכער, אויך דאַטעס און באַשטימטע צײַטן. עס איז פאַרשטענדלעך אַז ס'איז פאַראַן אַ ספעציעלער פאַרבונד צווישן מתן תורה און שבת.

דער מדרש דערצײַלט אַז נאָך די זעקס טעג פון דאָס באַשאַפונג איז דער וועלט געווען כמעט גאַנץ. "מה הי' העולם חסר? – מנוחה. באת שבת – באת מנוחה" (וואָס האָט געפעלט דעם וועלט? – מנוחה (אָפּרו). עס איז געקומען שבת – איז געקומען מנוחה). שבת איז אַ מנוחה טאָג, און שבת האָט געבראַכט מנוחה אין דער גאַנצער וועלט.

אויך מתן תורה האָט געבראַכט מנוחה אין וועלט. אין דאָס באַשאַפונג האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַ באַדינג מיט די הימל און די ערד, "אם ישראל מקבלים התורה אתם מתקיימים, ואם לאו – אני מחזיר אתכם לתוהו ובוהו" (אויב אידן נעמען אויף די תורה – איר האַלטן זיך אָן, און אויב ניט – איך קער אײַך אום אויף פוסטקײַט און לײדיקײַט).

דער גאַנצער וועלט איז געשטאַנען אויפגעהײגט אין אַ צווײפל, ביז דעם טאָג אין וועלכן אידן האָבן מקבל געווען די תורה, דאַן האָט דער וועלט זיך אָפּגערועט.

סײַ שבת און סײַ תורה ברענגען אַרײַן מנוחה. וואָס איז טאַקע די שייכות פון מנוחה דוקא צו תורה און שבת?

**פילן דעם ציל**

דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג, און האָט אים אָפּגעטײַלט אויף אַסאַך אַסאַך אײַנצלהײַטן וואָס די גאַנצע צײַט ענדערן זיך. יעדן טאָג פאַסירן אין וועלט נײַע פאַרסירונגען, אין יעדער אָרט זײַנען פאַראַן פאַרשידענע געזעצן און אויפפירונגען, און דער מענטש וואָס גײט איבער פון אַ צײַט צו אַ צײַט פון אַן אָרט צו אַן אָרט דאַרף זיך אײַנגעוואוינען יעדן טאָג צו די נײַע צושטענדן וואָס ער טרעפט, צופּאַסטן זיך צו דעם אומגעגנט אין וועלכע ער געפינט זיך, בײַשטײַן די נײַע פליכטן

וואָס שטייען פאַר אים.

די אַלע זאַכן שפּאַלטן דורך דעם מענטשן און פאַראורזאַכן אים אומרו, ער האָט ניט קיין מנוחה. אַסאַך מענטשן דרייען זיך אין וועלט צעטומלט און צעמישט פון די אַלע אויפגאַבעס און באַלעסטיקונגען וואָס די לעבן האָבן צו זיי געבראַכט.

ווען דער מענטש האָט אַ צוועק אין לעבן, אַזאַ צוועק וואָס די גאַנצע לעבן זיינען צוליב איר, ער שטייט אין אַ מנוחה. ער פילט אַז ס'איז פאַראַן אַ געמיינזאַם צווישן די אַלע זאַכן וואָס ער טוט, ער פילט אַז אַלץ איז צוליב איין ציל.

ווען דער מענטש געפינט זיך אין אַ מנוחה, אַלע זאַכן וואָס ער טוט יעדן טאָג און אין יעדן אָרט צעטומלען אים ניט, און זיי ווערן געטאָן אויף אַסאַך אַ בעסערן אופן.

### שבת מנוחה, שבועות מנוחה

דעריבער איז די שבת אַ מנוחה טאג. אין שבת דער וועלט ווי שטעלט זיך אָפּ. אז ס'קומט שבת פאַרגעסטמען פון די אַלע באַשעפטיקונגען פון דער וואָך, און מען איז כאילו דערהויבט צו הכערער פון דעם זמן, דערפאַר יעדער וואָך נאָך שבת הויבט מען אָן רעכענען פון–דאָס–ניי די טעג.

די שבת שטעלט אָפּ אויך דעם מקום, אין שבת טאָר מען ניט אַרויסגיין פון שטאָט צו אַנאַנדער אָרט, יעדער איינער זיצט אין זיין אָרט.

אַ איד וואָס היט אָפּ שבת פילט אַז די שבת איז די איינציקע טאָג אין לעבן, אָן טראַכטן וועגן דעם פאַרגאַנגענהייט און אָן פלענער פאַרן צוקונפט. אויך דער אָרט אין וועלכען ער געפינט זיך איז דער איינציקער אָרט אין וועלט, ווייל ער קען דאָך ניט צוקומען צו אַנדערע ערטער. דעריבער איז די שבת אַ מנוחה טאָג, אין אים באַרואיקן זיך מענטשן פון דעם געיעג פון דער גאַנצער וואָך.

אויך מתן תורה האָט אַריין געבראַכט אַ מנוחה אין וועלט. אין מתן תורה האָט דער אויבערשטער געגעבן די וועלט אַ צוועק: "אני נבראתי לשמש את קוני" (איך בין באַשאַפן געוואָרן צוליב באַדינען מיין באַשעפער), דורך די תורה און אירע מצוות.

יעדער מענטש, אין יעדער צייט און אומעטום, האָט דער זעלבער צוועק, צו אָנפילן דעם אויבערשטנס שליחות. יעדער זאַך וואָס טרעפט אים איז מיט אַ השגחה פרטית, פון יעדער זאַך לערנט ער ארויס אַן אָנווייזונג אין עבודת ה', ער ווערט נישט צעטומלט, ער פילט אָן די שליחות.

מתן תורה האָט זיך אָנגעהערט אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט האָט מען געהערט די קולות, און בלעם דער נביא פון די אומות האָט זיי ערקלערט אַז איצטער גיט דער אויבערשטער די אידן די תורה. אין מתן תורה דער גאַנצער וועלט איז אָנגעקומען צו אַ מנוחה.

### אַ מנוחה אין תורה

מיר זיינען ברוך ה' שומרי תורה ומצוות, און ווייסן אַז דער צוועק פון דער גאַנצער וועלט איז צו דינען דעם

אויבערשטן.

אָבער אויך אין תורה ומצוות זיינען פאַראַן אַסאַך איינצלהייטן. מ׳קען לערנען תורה, מ׳קען דאַווענען, מ׳קען טאָן גמילות חסדים, און מ׳קען אויך צעטומלען זיך פון די פיל זאַכן. עס זיינען פאַראַן אַזוינע וואָס האָבן געלערנט תורה אָבער האָבן פאַרגעסן אַז מ׳דאַרף אויכעט טראַכטן וועגן דער וואָס האָט איר געגעבן. אַזוי אַז זיי האָבן זיך באַהאַנדלט נאָר מיט תורה אָן טאָן אויך אין דאַווענען און אין גמילות חסדים.

אַז מיר געדיינקען דעם צוועק, אַז די גאַנצע תורה און מצוות זיינען "לעשות רצון אביך שבשמיים" (צו אויספירן דעם ווילן פון דיין פאָטער וואָס אין הימל). דאַן ווערן די גאַנצע תורה און מצוות געטאָן מיט אַ פולקאָמענע מנוחה.

מיר לערנען תורה נישט ווייל זי איז אַ וואונדערלעכע פאַרשטאַנד, נאָר ווייל דאָס איז רצון ה׳. מיר דאַווענען נישט ווייל עס נעמט אונז שטאַרק איבער, נאָר ווייל דאָס איז וואָס דער אויבערשטער וויל. אויך גמילות חסדים טוען מיר נאָר ווייל אַזוי וויל דער אויבערשטער, ניט ווייל דאָס איז שיין און פיין.

דאָס הייסט "ביטול", צו זיין בטל צום רצון ה׳. דוקא אַזוי קענמען דינען דעם אויבערשטן און מקיים זיין תורה און מצוות ווי געהעריק.

**תכל׳ס**

מיר שטייען איצט פאַר חג השבועות אין אים נעמען מיר אויף די תורה פון־דאָס־ניי. ווי אַזוי נעמטמען אויף די תורה?

איינפאַך. צום אַלעם ערשטן אַ באַשלוס צו צוגעבן אין תורה־לערנען, און אַז מ׳לערנט תורה זאָל מען געדיינקן ווער האָט איר געגעבן, און אָט דאָס טוט מען דורך לערנען פנימיות התורה, תורת החסידות.

אַ צווייטע זאַך, אַ באַשלוס צו פאַרשטאַרקן די אָנשטרענגונג און די האָרעוואַניע אין לערנען תורה, צו פאַרשטיין איר מיט אונזער פאַרשטאַנד, און ביז אַז מיר זאָלן אויפטאָן חידושים אין תורה.

אַמאָל פלעגט מען זיך היטן פון מחדש זיין חידושים, און מ׳פלעגט שרייבן נאָר דאָס וואָס מ׳איז געווען זיכער אַז מ׳איז מכוון צום אמת. אָבער אין אונזער דור דער רבי מלך המשיח שליט״א מוטיקט צו שרייבן און אָפדרוקן חידושי תורה, ווייל דאָס פאַרשטאַרקט דעם גלוס און די מוט אין לימוד התורה.

**משיח**

אַז מיר וועלן זיך פירן אַזוי, וועלן מיר זוכה זיין תיכף ומיד צו די אמת׳ע מנוחה פון די גאולה שלימה, דאַן וועלן בטל ווערן אַלע פראָבלעמען פון גלות.

**כולל ופשוט – דער ביטול פון אַלע העלמות והסתרים פון גלות, און אַלע שאלות בפרטי הגאולה ומשיח צדקנו, וואָס דאָס קומט מצד גלות עצמה, מצד דעם וואָס מ׳איז געבאָרן געוואָרן אין גלות און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין גלות, במילא איז מען אַ "גלות מענטש" רחמנא ליצלן, און מ׳געפינט זיך אין אַ "גלות־צושטאַנד" – זאָל דאָס אַלץ בטל ווערן און נהפך ווערן (דורך תשובה**

**אמיתית), דורך מגלה זײַן בּאַ זיך און מדגיש זײַן די נשמה, וואָס שטײַיט העכער פאַר גלות, און שטײַיט אין אַ מצב של מנוחה, מעין שבת ומנוחה לחיי העולמים.**

דער רבי זאָגט אַז מ׳דאַרף טאָן אַלץ כּדי צו ברענגען משיח׳ן. דער רבי זאָגט אַז מ׳דאַרף לעבּן מיט משיח. דער רבי זאָגט אַז משיח איז שוין דאָ. אָבער אונז איז שווער צו אָננעמען דאָס און מיר האָבּן אַסאַך שאלות, ווײַל מיר זײַנען געבּאָרן געוואָרן אין גלות און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין גלות, און זײַנען באַקאַנט נאָר מיט גלות. ס׳איז אונז שווער צו פאַרשטײַן פון וואַנעט פונקט וועט קומען די גאולה.

און אַז מיר ווען פילן אונזערע נשמה, וועלן מיר פילן אַז מיר האָבּן אַ שליחות און אַן אויפגאַבּע צו ברענגען משיח׳ן, די נשמה איז העכער פאַר גלות, און זי וועט אונז אויפהויבּן העכער פאַר די גלות, און וועט אונז צוברענגען גלײַך אין די גאולה שלימה.

•

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

לזכות

**כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**

מהרה יתגלה ויגאלנו!


יו״ל ע״י
תנועת הנוער
צבאות ה׳ בארה״ק



**ווילסט איבערגעבן א שיעור ׳דבר מלכות׳ אין דיין געגנט?**

**אין ארה״ק - קינדער: 795-5493 (054), אין ארה״ק - מיידלאך: 646-0770 (054),**

**אין ארה״ב: 290-4444 (718)**



עריכה: **בן מנחם** • הגהה רוחנית: **רבנים ואנשי חינוך** • הגהה לשונית: **ב. נחשון** • תורגם לאידיש ע״י **מנחם מענדל פעלדמאן** • יו״ל במסגרת **מבצע עולמי ללימוד ה׳דבר מלכות׳**